**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/23/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו אנהאלטן 30 פערצענט פון לאנד און וואסער ביז 2030

### *געזעץ (S.6191A/A.5390B) שטעלט אוועק אנהאלטונג ציל צו שטיצן בייא-פארשידנקייט און אנהאלטן לאנד און וואסער*

### *שטיצט נאציאנאלע ציל פון "אמעריקא די הערליכע" (America the Beautiful) פלאן אוועקגעשטעלט דורך פרעזידענטביידען*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן (A.5390B/S.6191A) געזעץ וואס שטעלט אוועק די ציל צו שטיצן און צולייגן צו נאציאנאלע באמיאונגען צו אנהאלטן כאטש 30 פערצענט פון אמעריקא'ס לאנד און וואסער ביז 2030. די געזעץ וועט שטיצן בייא-פארשידנקייט און אנהאלטן ניו יארק'ס חיות, וועלדער, און ריינע וואסער מקורות, וועלכע זענען אלע וויכטיג פאר ניו יארק'ס געזונט און עקאנאמיע.

"ניו יארקער פארלאזן זיך אויף ריינע וואסער פאר וואוקס, וועלדער צו צושטעלן וואוינערטער פאר חיות, און די דרויסדיגע ערטער פאר ארבעט און אויספלוגן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס איז וויכטיגער ווי אלעמאל צו אפהיטן די ריסארסן און אוועקשטעלן די ציל צו אנהאלטן 30 פערצענט פון פובליק לאנג ביז 2030 וועט פארזיכערן אז מיר באשיצן אונזער סטעיט פאר קומענדיגע דורות."

געזעץ A.5390B/S.6191A שטעלט אוועק די ציל און פאדערט די דעפארטמענט אוו ענווייראמענטעל אנהאלטונג און די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע אנהאלטונג צו אנטוויקילען פלענער און א טעאריע צו ערריכן די ציל בשעת'ן מיטארבעטן מיט א ברייטע גרופע פון סטעיקהאלטער. די באמיאונגען וועט בויען אויף די סטעיט'ס יעצטיגע אנהאלטונג פרוואון.

**אסעמבלימיטגלידערין פאטרישע פאהי האט געזאגט,** "מיט אונטערשרייבן די 30x30 געזעץ היינט, האט גאווערנער האקול געגעבן א געוואלדיגע געשאנק פאר די אנווייראמענט וואס וועט אנהאלטן לאנג נאך די האלידעיס. איך דאנק די אומצאליגע ענווייראמענטאלע אדוואקעיטס וועלכע האבן געמאכט 30x30 א פריאריטעט און די גאווערנער פאר פארזיכערן אז ניו יארק העלפן פירן די פאלק נאכאמאל אויפ'ן פראבלעם פון לאנד און וואסער אנהאלונג, פארזעצנדיג אונזער לאנגע און שטאלצע מסורה פון באשיצן פובליק לאנד פאר שפעטער באנוץ און פארוויילונג. אונזער גלאבאלע און נאציאנאלע עקא-סיסטעמס ספראוון זיך מיט זייער שווערע פראבלעמען אלס רעזולטאט פון קלימאט ענדערונג יעצט און אין די קומעדיגע יארן. אין די פאראייניגטע שטאטן אליינס, ווערט 1 מיליאן עיקער פארלוירן יעדע יאר דורך אנטוויקלונג, אין אין די וועלט, איז יעצט דא 1 מיליאן מינים אין ריזיקע פון אוועקפאלן צוליב פארלוסט פון חיות וואוינערטער. אין די צייט פון קלימאט ענדערונג זעצט פאר צו פארמערן די אפטקייט פון נאטורליכע דיזעסטערס, וועט נאטורליכע קלימאט שטארקקייט זיין די שליסל צו העלפן פארלייכטערן די שרעקליכע רעזולטאטן פון די וועטער געשעענישן."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אנהאלונג קאמישאנער באסיל סעגאס האט געזאגט,** "איך לויב אויס גאווערנער האקול פאר'ן אונטערשרייבן די ביל צו א געזעץ, וועלכע גייט אינאיינעם מיט די סטעיט'ס יעצטיגע אנהאלטונג באמיאונגען און צילן צו אנהאלטן 30 פערצענט פון די לאנד ביז 2030, העלפן באשיצן גלאבאל באדייטנדע חיות וואוינערטער און ערגייכן ניו יארק'ס קלימאט צילן. אין צייט וואס די סטעיט פון ניו יארק ארבעט אינאיינעם מיט אירע נאציאנאלע און וועלט מיטארבעטער צו ערגייכן דעם ציל, קוקט DEC פאראויס צו ארבעטן מיט די פובליק און אונזערע מיטארבעטער צו איינפירן די קריטישע ארבעט וואס ערוואַרט אונז און בויען אויף אונזער מסורה פון ענווייראמענטאלע שיץ פאר די בענעפיט פון קומענדיגע דורות."

**סטעיט פארקס קאמישאנער עריק קולעסעיד האט געזאגט,** "אין צייט וואס מיר ענטפאנגען א נייעם יאר, דערמאנען מיר זיך אז ניו יארק סטעיט מאכט גרויסע פארשריט מיט'ן באשיצן אונזער ענווייראמענט אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן שווער צו אנהאלטן אונזער לאנד און וואסער און פארברייטערן צוטריט צו דרויסענדיגע פארוויילונג ווען מיר קומען אן צו דעם ציל אין זיבן יאר."

**די נאטור אנהאלטער אין ניו יארק עקזעקיוטיוו דירעקטער ביל אולפעלדער האט געזאגט,** " די נאטור אנהאלטער לויבט אויס גאווערנער האקול און ביל ספאנסארס אסעמבלימיטגלידערין פאהי, און סענאטאר קאמינסקי פאר זייער שטארקע אנהאלטונג פירערשאפט. אין צייט וואס אונזער נאטורליכע ריסארסן קעמפן זיך מיט שטייגענדע געפארן אזויווי קלימאט ענדערונג, אנטוויקלונג, און שטערנדע פליגן און דזשערמס, וועט די געזעץ פארמערן די גאנג און מערהייט פון דאס באשיצן, צוריקבויען, און אנהאלטן איבער ניו יארק. די נייע 30 אויף 30 ציל וועט שטיצן געמיינזאמע ארבעט צו אנהאלטן חיות וואוינערטער, פארבעסערן געזונט פון וועלדער, אפהיטן לאקאלע פאמיליע פארמס, פארברייטערן צוטריט צו פארקס און נאטור פרעזערוועז, און באשיצן אונזער ריינע וואסער. די נאטור אנהאלטער איז איבערראשט צו ארבעטן צוזאמען מיט סטעיט פירערס, באקאנטע מענטשן, פארמערס, וואלד ארבעטער, פישכאפער, פאנגער און אנדערע צו שאפן א שטארקע אנהאלטער פלאן פאר די בענעפיט פון אלע ניו יארקער."

**ניו יארק ליגע פון אנהאלטונג וואוטערספרעזידענט דזשולי טייא האט געזאגט,** "די קעגנגע קריזיסן פון קלימאט ענדערונג און בייא-פארשידנקייט פארלוסט פאדערט באלדיגע שריט, און דאס איז פונקטליך וואס גאווערנער האקול האט געטון מיט אונטערשרייבן די 30x30 ביל און לייגן ניו יארק אויף'ן ריכטיגע וועג צו באשיצן 30% פון די סטעיט'ס לאנד און וואסער ביז 2030. די ניו יארק ליגע פון אנהאלטונג וואטערס בארימט גאווערנאר האקול פאר איר שטארקע ענווייראמענטאלע פירערשאפט ווי אויך סענאטאר קאמינסקי און אסעמבלימיטגלידערין פאטרישע פאהי פאר זייער שטארקע אנגייענדע ארבעט צו נעמען די פלאן דורך די געזעץ און אריבער צום ענדע. יעצט איז צייט פאר אנדערע סטעיט צו נאכפאלן ניו יארק'ס ביישפיל און דאס מאכן א ריכטיגע נאציאנאלע פרואוו."

**אפענע ערטער אנשטאלט פרעזידענט און CEO קים עלימען האט געזאגט,** "קלוגע לאנד באשיצונג האט אויפגעוויזן צו זיין א ווירקזאמע געצייג צו באשיצן די סטעיט'ס טייערע נאטורליכע ריסארסן פאר ריינע לופט און וואסער צו טרינקען, פארמערטע פארוויילונג געלעגנהייטן, שטיצע פאר חיות, און קלימאט באשיצונג. די נייע אונטערגעשריבענע '30 אויף 30' געזעץ לייגט פאר'ן ערשטן פריאריטעט אנהאלטונג יעצט און אינעם צוקונפט. מיר דאנקען גאווערנער קעטי האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו באשיצן די לאנד אלס וואס עס געבט - איידער עס ווערט פארלוירן אויף אייביג."

**מיטל-אטלאנטיק ראיאן און ניו יארק סטעיט דירעקטאר פאר פארלעסליכקייט פאר פובליק לאנד וויצע פרעזידענט קארטער סטריקלענט האט געזאגט,** "פארלעסליכקייט פאר פובליק לאנד לויבט די גאווערנער און לעגיסלאטור פאר אננעמען די קלארע ציל פאר ניו יארק'ס נאטורליכע ריסארס פראגראם און פאר ווייזן אז סטעיטס קענען ווייזן די וועג צו אננעמען די וועלטליכע סטאנדארט וואס קומט יעצט

ארויף. לייגנדיג אין א זייט ווילדע ערטער ערלויבט מענטשן און נטור זיך צו אויפפרישן, און אונזער סייענטיפישע און עקאנאמישע שטודיעס צייגן אז אנגעהאלטענע לאנד און וואסער ערטער בענעפיטירן אונזער קאמיוניטיס דורך צושטעלן פארוויילונג געלעגנהייטן, באשיצן אונזער טרינקען וואסער, אונז באשיצן פון קלימאט ענדערונג, און פארזיכערן ארטיגע עסן ארויסגעבער."

**אודובאן ניו יארק סיניאר פאליסי מענעדזשער ערין מקגרעט האט געזאגט,** "פייגלער זאגן אונז אז חיות וואוינערטער פארלוסט און קלימאט ענדערונג זענען צוויי פון די גרעסטע שוועריקייטן וואס זיי שלאגן זיך מיט, און מיר מוזן ענטפערן זייער רוף דורך אנהאלטן 30 פערצענט פון אונזערע לענדער און וואסערן ביז 2030. אנהאלטן אדער צוריקשטעלן א טייל פון חיות וואוינערטער וועט אונז העלפן אפשטעלן נידערונגען אין בייא-פארשידנקייט, באשיצן עקא-סיסטעם צילן, און פארמערן שטארקקייט צו קלימאט ענדערונג - און 30 פרעצענט איז די קארגע מינימום נויטיג פאר פייגלער און מענטשן צו בליען," האט געזאגט ערין מקגרעט, סיניאר פאליסי מענעדזשער פון אודובאן ניו יארק. "מיר אפלאדירן גאווערנאר האוקאל פארן אונטערשרייבן די קריטישע לעגיסלאציע פאר געזעץ, און אסעמבלימיטגלידערין פאהי און סענאטאר קאמינסקי פאר שטיצן די ביל. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן אינאיינעם מיט די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אנהאלטונג, אונזער קאלעגן אין די ענווייראמענטאלע אנהאלטונג קאמיוניטי, און ניו יארקער איבער די סטעיט צו אנהאלטן אונזער נאטורליכע ריסארסן פאר פייגלעך און מענטשן."

**לאנד טראסט עלייענס סיניאר פראגראם מענעדזשער מעמע האנלי האט געזאגט,** "באשיצן 30% פון ניו יארק'ס לענדער און וואסערן ביז 2030 וועט צושטעלן מער גלייכבארעכטיגטע צוטריט צו די דרויסענדיגע ערטער, שטיצן ארטיגע עסן ארויסגעבונג, פארשלאגן פארפלייצונג ריזיקע פארמינערונג, נידריגערע זוממער טעמפעראטורן ספעציעל אין שטאטישע ערטער און אדרעסירן די בייא-פארשידנקייט קריזיס. מיט'ן אונטערשרייבן די ביל, האט גאווערנער קעטי האקול און ניו יארק נאכאמאל ארויסגעוויזן זייער פירערשאפט אויף באשיצן ניו יארקער פון די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג. די לאנד טראסט עלייענס אפלאדירט די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, אסעמבלימיטגלידערין פאטרישע פאהי און סענאטאר טאד קאמינסקי פאר זייער שטיצע מיט די קריטישע פראבלעמען. די עלייענס און ניו יארק'ס לאנד טראסט קאמיוניטי שטייען גרייט צו אויסהעלפן די פלאנירונג ארבעט און צו העלפן אנקומען צום ציל."

**סצענישע האדסאן פרעזידענט נעד סאליוואן האט געזאגט,** "מיר באדאנקען קאווערנער קעטי האקול פאר אונטערשרייבן די 30 x 30 ביל צו א געזעץ, בויענדיג אויף איר שפיגלדיגע ענווייראמענטאלע רעקארד. מיר לויבן אויס די לעגיסלאטיווע סטפאנסארס פון די ביל, אסעמבלימיטגלידערין פעט פאהי און סענאטאר טאד קאמיניסקי, ווי אויך פאר פארזעצן די רעקארד פון מיטארבעט צווישן די עקזעקיוטיווע און לעגיסלאטיווע טיילן צו עררייכן די סטעיט'ס וויכטיגע ענווייראמענטאלע צילן. דאס וועט אראפלייגן די גרונדארבעט פאר א ווייטערדיגע איבערגעגעבנקייט צו אנהאלטן די לענדער אין ניו יארק פאר בייא-פארשידנקייט, קלימאט שטארקקייט, פארמלאנד אנהאלטונג און דרויסנדיגע פארוויילונג. סצענישע האדסאן שטייט גרייט צו מיטארבעטן צו שטיצן די געזעץ אין די האדסאן וואלי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418